בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק | פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תרומה תשפ"ד שנה י | גליון מס' 521

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'מאה ברכות' מיט צוויי

**"דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי"** (כה ב)

דער זוה"ק [ויקהל ר.ב] צעטיילט דער ווארט "תרומה" אין צוויי, ער זאגט אז עס מאכט 'תרי [צוויי] ממאה [פון הונדערט]".

דאס איז א רמז אויף די שיעור פון תרומה גדולה. די שיעור פון א בינוני ביי תרומה איז איינס פון פופציג און דאס איז צוויי פון הונדערט- ווי דערמאנט 'תרי ממאה'.

**רבי אליעזר האראוויץ מטארניגראד** לייגט צו אז דא איז אויך מרומז די מאה ברכות וואס מיר מאכן יעדן טאג. אויך די ברכות וואס א איד מאכט איז נדבה וואס מען געט פאר הקב"ה ווייל דוד המלך אין תהלים רופט זיי אן (קיט קח): "נִדְבוֹת פִּי רְצֵה נָא ה'" (ראה תנחומא פקודי ט).

פון דער פסוק קען מען ארויסלערנען אז מאה ברכות דארף געזאגט ווערן סיי מיט'ן מויל און סיי מיט כוונה, אז עס זאל נישט זיין סתם אזוי מהשפה ולחוץ.

די בחינה איז מרומז דא אין פסוק: "מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי", עס קומט אויסצולערנען אז נאר ווען עס גייט מיט כוונה, ווערט עס מקובל לרחמים ולרצון.

דער געדאנק שטימט זייער גוט מיט דער טייטש פון דער הייליגער רבי ר' **זושא מאניפולי** אויף די גמרא (ברכות מה א): "העונה אמן, לא יגביה קולו יותר מן המברך" אז ווער עס ענטפערט אמן זאל נישט אויפהייבן זיין קול צו הויך, ווייל אזוי די כוונה אין הארץ איז דער עיקר זאל דער מענטש נישט מגביה זיין מער ווי די התלהבות וואס איז דא אין זיין הארץ.

'נועם מגדים'; 'דברי יחזקאל' [שינאווא]
אגדות הש"ס ברכות מה א

צו דעם קען מען צולייגן אז אין די דרשה פון "תרי ממאה" איז אויך מרומז אז די 'מאה ברכות' זאל זיין אין די בחינה פון 'תרי" אז צוויי מענטשן זאלן ענטפערן אויף איר, איינער קעגן דעם אנדערן.

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### א קליינע אינוועסמענט – מיט גרויסע רווחים

יעדער מאל ווען איך בין זיך מתבונן אין די גרויסע און חשובע מצוה פון ענטפערן אמן בלייב איך שטיין געפלעפט און פארוואונדעט פון איר גרויסקייט און מעכטיגקייט.

טאג טעגליך זאגן מיר צענדליגע שבחים פאר הקב"ה. די שבחים זענען לאנגע און טיפע, אבער מיט דעם אלעם טרעפן מיר אז דער איינער ווארט 'אמן' שטייגט עס אריבער און ווי חז"ל זאגן (דב"ר ז א) ש"אין גדול לפני הקב"ה יותר מאמן שישראל עונים".

ווען מען טראכט אריין אין דעם איז עס נישט צום פארשטיין. פארוואס טאקע זאל איין ווארט זיין אזוי חשוב אין הימל אז עס זאל איבערשטייגן אלע אנדערע שבחים וואס מען זאגט פאר הקב"ה? עס קען נישט זיין אנדערש ווי אז אין דער אמן ליגט באהאלטן א געוואלדיגער סוד, א סגולה וואס נאר די יודעי סוד פארשטיין און ווייסן וואס זי איז.

נישט אומזינסט טרעפן מיר אז דער הייליגער אר"י הק' האט טאג טעגליך אוועקגעגעבן פאר איר פון זיין טייערע און חשובע צייט און ווי דער שערי תשובה סימן [ו.ה] איז מעיד "ואפילו היו מאה היה עונה אמן אחריהם".

אויף די וועלט פארשטיין מיר נישט דער סוד, אבער ווען מיר וועלן אנקומען אויף יענע וועלט וועלן מיר עס פארשטיין. נישט נאר ווען מיר עס דארט משיג זיין, נאר דארט ווען מיר עס דארפן האבן, ווייל מיט איר ווען מיר עפענען די שערי גן עדן און ווי די גמרא זאגט אונז אין (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחים לו שערי גן עדן, שנאמר (ישעיה כו ב): 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שמר אמנים'".

אויף יענע וועלט ווען מיר קענען לערנען איר גרויסן כח און ווי אזוי זי איז ווי איז א ספעציעלער סארט שליסל וואס האט אין זיך די כח אויפצועפענען פארשלאסענע טויערן, וואס זענען ביז היינט געווען פארשלאסן.

טראכטנדיג פון א גוטער צושטעל האב איך געטראכט עס צו צושטעלן צו א קרעדיט קארטעל. מענטשן גייען טאג טעגליך אין געשעפט און קויפן איין מיט איר. מען ווייסט אז ווען מען קען צאלן מיט איר און מען דארף אריינלייגן אין איר די געהיימע קאוד נומער.

מען ווייסט אז עס איז ארבעט אבער קיין איינער ווייסט נישט ווי אזוי עס ארבעט, פארוואס טוט עס די פעולה וואס זי טוט אויף, מען ווייסט נאר אז זי איז אפעקטיוו, די זעלבע זאך וועט אויך זיין דא.

מען ווייסט אז דער אמן האט אין זיך א כח. וואס גענוי איז איר כח? דאס איז נאר קלאר, אבער אזוי לאנג ווי עס ארבעט, ווען מיר אויספאלגן די אנווייזונגען און ממשיך זיין צו געניסן פון די רעזולטאטן.

אז מען רעדט שוין פון משלים און פון קרעדיט קען מען שוין אויך רעדן פון פון אינוועסטירונגען. יעדער פארשטייער צו אינוועסטירונגען וועט אייך קענען זאגן דעם סוד אז די בעסטע אינוועסעמענט איז אן אינוועסמענט וואו מען לייגט אריין וויניג און מען נעמט ארויס אסאך און דאס איז וואס מען זעט ביי דער אמן.

די אינוועסמענט איז זייער קליין אבער מען נעמט ארויס פון איר גרויסע זאכן.

ארום און ארום אונז איז דא אסאך אידן וואס מאכן טאג טעגליך א ברכת השחר, עס איז אשאד אז מיר זאלן עס ארויסלאזן פון אונזערע הענט, אז מיר וועלן זיך אנשטרענגען און ענטפערן אמן ווען מיר זוכה זיין צו באקומען ברכת השם סיי אויף די וועלט און סיי לעולם הבא.

**מיט א קריאה אויף "פתחו שערים לעניית אמן"**
**שבת שלום**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — די תפילה וואס האט געראטעוועט די איראקער אידן —

דער יאר תש"ט איז געווען גאנץ א שטילער יאר אין ארץ ישראל. האלטנדיג נאך אן אנגייענדע קריג מיט די אראבער און נאכ'ן איינשטעלן א פייער אפשטעל, האט אויסגעזען ווי זאכן שטעלן זיך אוועק.

קיין איינער האט נישט געוואוסט פון די קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען. ווי אייביג האט ער עס געהאלטן פאר א סוד, אבער איין שבת נאכמיטאג, ווען זיין זון איז געווען ביי אים און געזען ווי ער זאגט תהלים און ווען ער ענדיגט דערקענט זיך אויף אים א מורא'דיגע שמחה.



די 'טוויג' שול אין באגדאד - די איינציגסטע שול פון זעקס און פופציג שולן וואס שטייט נאך היינט בשלימות.

אן אויסנאם איז אבער געווען איראק. אינדערצייט וואס די אלע שכינות'דיגע לענדער צו ארץ ישראל זענען איינגעגאנגען אויף א פאראייניגטער פייער אפשטעל האט איראק אנגעהאלטן איר קריג מיט מדינת ישראל.

נישט טיילנדיג א גרעניץ מיט מדינת ישראל האט זי נישט געהאט וואו אנצוהאלטן די קריג און זי האט געפירט דאס קריג ביי איר אין לאנד.

א רייכע היסטאריע האט די אידישע קהילה געהאט אין איראק. נאך יארן וואס זיי האבן געלעבט רואיג האבן זיי אנגעהויבן ליידן שווערע צרות און רדיפות פון זייערע שכנים. מען האט זיי בארויבט און אויסגעפלינדערט, שווערע פראגראמען איז פארגעקומען איבעראל.

די צרות איז געווען זייער שווער און מערערע אידן האבן געוואלט פארלאזן דאס לאנד, אבער דא האבן זיי זיך אנגעשטויסן אין א נייער פראבלעם, די איראקער רעגירונג האט נישט ערלויבט קיין שום איד צו פארלאזן דאס לאנד.

איינס פון די שווערע פלאגענישן וואס די איראקער אידן האבן געהאט אויסצושטיין איז געווען די אנגייענדע ארעסטן איבער די אידישע קהילה. עס איז געווען אן אפטער ערשיינונג אז פאליציאנטן זאלן באלאגערן די אידישע קווארטאל און נעמען אידן אין ארעסט.

די אנגעבליכע סיבה איז געווען אז זיי זענען שפיאנען פאר מדינת ישראל, אבער אויך אן די סיבה, האט מען זיי געפייניגט און געשלאגן און צומאל אויך פאר'משפט'ט צום טויט.

די שווערע לאגע פון די איראקער אידן איז אנגעקומען צו די אידן אין ארץ ישראל און גרויסע פלאקאטן אז דער ציבור זאל איינרייסן פאר די איראקער אידענטום איז געווארן אויסגעהאנגען אין די ירושלימער גאסן.

איינס פון די מערערע עצרת'ער איז פארגעקומען אין די צענטראלע 'ישועות יעקב' שול אין די מאה שערים געגעגנט, דארטן האט דער ציבור איינגעריסן און געבעטן פאר די וואוילזיין פון די אידן און אויך געהערט ווארעמע דרשות פון דעם ציבור אנצווארענען דעם ציבור צו בעטן פאר אחינו בני ישראל בגולה.

אין א שטילער ווינקל, צווישן די פארזאמלטע, איז געשטאנען דער צדיק רבי שמואל געפנער זצ"ל. ווי זיין שטייגער איז ער געשטאנען דארט באהאלטן און מתפלל געווען, ווען צייכענס פון צער איז אויסגעשפרייט אויף זיין פנים.

א גרויסער צדיק איז רבי שמואל געווען. באשיידן און ווייט אוועק פון מענטשליכע אויגן האט ער געדינט הקב"ה. פאר פרנסה האט ער געהאט א געשעפט פון זיסווארג, אבער אויך ווען ער איז געווען טרוד על המחיה, האט ער נישט אפגעלאזט די גמרא און ווען ער האלט די גמרא אין איין הענט און די זיסווארג אין די צווייטע האנט ער באדינט די קליענטן.

אויך יעצט איז ער געשטאנען אין א ווינקל און מיטגעדאווענט מיט'ן ציבור איינרייסנדיג פאר די וואוילזיין פון די איראקער אידן ווען ער באשלוסט אז ער קען נישט ווייטער ממשיך זיין מיט'ן סדר היום, עפעס מוז געטון ווערן.

אויפ'ן ארט האט ער זיך פארגענומען אז ער גייט נישט רוען, ער וועט ענדיגן טויזנט מאל תהלים לטובת די אידן אין איראק און אז זיי זאלן ניצול ווערן פון אלע צרות.

רבי שמואל איז אין יענע יארן שוין נישט געווען קיין יונגערמאן, ער האט געהאט א פולע סדר היום, אבער נישט אזא איינער ווי ער וועט מוותר זיין אויף אזא זאך און אין די קומענדיגע חדשים האט ער וועקגעריסן צייט פון זיין שלאף, פון זיין ארבעט און געזאגט נאך א פרק תהלים, נאך א קאפיטעל, ביז ווען די נומערן האבן אנגעהויבן ארויפגיין מער און מער.

קיין איינער האט נישט געוואוסט פון די קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען. ווי אייביג האט ער עס געהאלטן פאר א סוד, אבער איין שבת נאכמיטאג, ווען זיין זון איז געווען ביי אים און געזען ווי ער זאגט תהלים און ווען ער ענדיגט דערקענט זיך אויף אים א מורא'דיגע שמחה.

דער זון זעענדיג די אויסטערלישע שמחה אויף זיין פנים האט פארשטאנען אז עפעס האט דא פאסירט און זיך אינטערעסירט ביי זיין טאטע מה זה יום מיומיים.

דער טאטע האט מלכתחילה נישט געוואלט דערציילן אבער זעענדיג אז עס האט זיך אזוי געפירט האט ער אים דערציילט די גאנצע געשעעניש און אלעס וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט אים און איבער די קבלה וואס ער האט זיך אונטערגענומען בשעתו.

"וועסט זען אז יעצט וועט די ישועה קומען צוגיין". האט ער אויסגעפירט מיט שטארקייט.

א שטיק צייט שפעטער איז געקומען צוגיין די בשורה טובה אז די איראקער רעגירונג געט רשות אז ווער עס וויל פארלאזן דאס לאנד קען עס פארלאזן.

מען האט געהערט ווי אזוי עס איז געשען אבער קיין איינער האט נישט געוויסט צו זאגן אז דער ירושלימער איד מיט זיינע תפילות האט דא גע'פועל'ט די ישועה.

'סיפורים ירושלמיים' ח"ד עמ' 113

## 'משפטי פיהו' של הקב"ה

**"זִכְרוּ נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ"**

די הייליגע חכמים האבן געזאגט (מכילתא בשלח פרשה ד, ע"פ רש"י שמות טו ג) אז דער רבוש"ע איז אנדערש פון א מלך בשר ודם. ווען א מלך בשר ודם האלט מלחמה מיט זיינע פיינט, איז ער אזוי אריינגעטון אין די מלחמה, אז אין די זעלבע צייט קען ער נישט טון עפעס אנדערש, אבער הקב"ה קען אין די זעלבע צייט זיך אויך פירן מיט דער זעלבער מענטש במידת הרחמים און אים צושטעלן די שפייז וואס ער דארף האבן צום לעבן.

דער רא"ש זאגט אז די בחינה איז מרומז אין דער פסוק: "זכרו נפלאותיו אשר עשה" -אז מען זאל געדענקען די וואונדער וואס הקב"ה טוט און וואס איז די וואונדער אז ער קען אין איין צייט טון סיי "מופתיו" - די מופתים אין די מלחמה און סיי די "משפטי פיהו" - אז ער פירט ווייטער די וועלט בדרך הטבע און שפייזט זיינע בירגער. ('דרשות הרא"ש' דרוש רסב).

נאך א מהלך זאגט רבי שלמה קלוגער:

עס איז באקאנט אז איינס פון די סיבות פארוואס הקב"ה האט געמאכט ניסים ונפלאות מיט די אידן אין מצרים איז וועגן דעם אז אויך ווען זיי וועלן חלילה זינדיגן און ווערן מחוייב על פי הדין מיט כליה, זאל הקב"ה זיך נישט פירן מיט זיי במידת הדין, ווייל אזוי ווי ביי א מענטש, ווען איינער לייגט אריין אסאך כוחות אין א זאך וועט ער עס נישט קענען אפלאזן נישט קענענדיג דערלייגן די גרויסע כוחות וואס ער האט אריינגעלייגט אין איר, איז אויך די זעלבע כביכול ביי הקב"ה, אז נאך דעם וואס הקב"ה האט אריינגעלייגט אזויפיל כח אין כלל ישראל וועט ער זיי נישט אפלאזן.

חז"ל זאגן (שמ"ר מג ט) אז דאס איז געווען די כוונה פון דער פסוק (שמות לב יא): "למה ה' יחרה אך בעמך אשר **הוצאת מארץ מצרים בכח גדול וביד חזקה**". אז ווייל דו האסט אריינגעלייגט אין זיי אזויפיל כח אין מצרים קענסטו זיי נישט אפלאזן.

די בחינה איז אויך מרומז דא אין פסוק, מען זאגט: "זכרו נפלאותיו אשר עשה"געדענק די נפלאות וואס הקב"ה האט געמאכט און אויך די ""מופתיו" ווייל זיי זענען "משפטי פיהו" - ווייל דורך זיי נעמט הקב"ה ארויס די אידן זכאי בדין.

## די 'משפטי פיהו' פון דער צדיק מאכט מופתים אויף די וועלט

**"זִכְרוּ נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ"**

דער מבי"ט זאגט די בחינה אויף דער פסוק:

א איד זאל געדענקען די "נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה" די וואונדער וואס הקב"ה האט געמאכט אויף די וועלט און אויך די 'מֹפְתָיו' וואס הקב"ה מאכט וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ על פי דער צדיק ווי די נס וואס הקב"ה האט געמאכט אז ער האט מעמיד געווען די זון אין כנען נאך די גזירה פון יהושע.

די בחינה ווערט אויך געברענגט בשם רבי רבי נחמן מברסלב. ער זאגט אז א צדיק האט אזא כח אז נישט נאר ווערן די מופתים געמאכט ווען א צדיק הייסט, נאר צומאל ווערט עס אויל געמאכט על פי א פסק דין וואס דער צדיק מאכט, ווייל א צדיק מיט זיינע פסקים האט די כח צו קענען מכריע זיין דער דין לכף זכות. ('ליקוטי מוהר"ן' ח"ב אות מז).

## די משפטים' זענען א דערמאנער אז מען זאל געדענקען די 'מופתים'

**"זִכְרוּ נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי פִיהוּ"**

דער 'תפארת שלמה' זאגט אז דער וועג ווי אזוי מיר וועלן דורכדעם אנקומען צו געדענקען די נפלאות וואס הקב"ה האט געמאכט מיט אונז אין מצרים איז דורך וואס מען איז מקיים די מצות וואס הקב"ה האט געגעבן, ווי די מצוה פון נר חנוכה דערמאנט די נס פון חנוכה א.א.ו

דאס איז דא מרומז אין פסוק "מופתיו ומשפטי פיהו - אז דורך וואס מען איז מקיים דער 'משפטי פיהו' די מצות געדענקט מען אויך דער 'מופתיו' - די מופתים פון הקב"ה. ('תפארת שלמה' חנוכה).

## "כמה מעלות טובות..."

**ווען א איד איז זוכה און ער מאכט די ברכת השחר צופרי' מיט נאך א שותף און יענער ענטפערט אמן אויף זיינע ברכות איז ער זוכה צו אסאך מעלות.**
**מיר רעכענען דא אויס א טייל פון זיי:**




**א.** זיינע ברכות זענען שלימות'דיגע ברכות, ווייל אויך דער ענטפערן אמן איז א חלק פון די ברכה און ווי רש"י זאגט (ברכות מז א ד"ה עד): "אף עניית אמן חלק מן הברכה".



**ב.** אז זיינע ברכות גייען ארויף ביז צו די כסא הכבוד און אז מען רופט אויס אויף איר אין הימל און ווי עס איז דער לשון הזוהר (עקב רעא א): "זהו הדורון ששלח לפני למלך".



**ג.** אז ער איז מזכה דעם רבים מיט דעם אמן און די מעלה פון דעם זאגט דער פלאנ יועץ [ערך עניה] און דאס זענען זיינע הייליגע ווערטער: "ולפי ששכר המזכה הינו בהתאם לרום מעלת המצווה, המזכה את חבירו במצוות עניית אמן, רב שכרו עד מאוד" ('פלא יועץ' ערך עניה).



**ד.** ער איז מקפיד אויף כבוד שמים ווי דער ילקוט מעם לועז זאגט [משפטים עמ' תשלא].




אז ער איז זוכה צו די שכר פון עשרה זהובים און ווי עס ווערט געברענגט אין טורי זהב (חו"מ שפב ד). "אין לאדם שכר ברכה עשרה זהובים, אלא על ברכה שמברך בפני אחרים, אבל ברכה שמברך בינו לבינו - לא"





דער משפיע
רבי אליהו ראטה זצ"ל

# רבי אליהו ראטה י' אדר א' תשנ"ב

רבי אליהו ראטה זצ"ל איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי ישראל יואל ראטה פון ירושלים אין יאר תרס"ה. אין זיינע בחורישע יארן האט זיך געמאכט אז ער האט געדארפט ארויספארן מיט זיינע עלטערן קיין עסטרייך אויף רפואה ענינים. זייענדיג דארט האט ער זיך שטארק מתדבק געווען אין דעם צדיק רבי יוסף אלימלך כהנא הי"ד און ער איז פארבליבן לערנען דארט ביי אים אין די ישיבה.

די ישיבה איז געווען אין די שטאט צעהלים, אבער אויך נאך דעם וואס רבי יוסף אלימלך זצ"ל האט זיך אריבערגעצויגן קיין אונגווארן און אגענומען דארט די רבנות, איז ער אריבער לערנען ביי אים דארט און צוזאמען האט ער אים געהאלפן אויפשטעלן די ישיבה און האט אויך געדינט דארט אלץ משגיח פון די ישיבה.

נאך צען יאר זיין אין אויסלאנד האט ער זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל. אין ארץ ישראל האט ער זיך מתדבק געווען אין דער צדיק רבי שלמה'קע מזוועהיל און דא איז ער געווארן איבערגעדריידט אלץ זיין איש סודו.

נאך די חתונה האט ער פאר יארן לאנג געדינט אלץ א משפיע רוחני אין די ישיבה פון 'שומרי החומות' און אין די ריזשינער ישיבה. ער האט געהאט א שטארקער נאנטקייט מיט זיינע תלמידים. ליידער האט ער נישט זוכה געווען צו זיין זרע של קיימא, אבער זיינע תלמידים געדענקען אים נאך ביז'ן היינטיגן טאג לטובה.

זיי דערציילן אויף אים אז טראץ וואס ער איז געווען א שטארקער מדוכא ביסורים, האט ער אלעמאל געלעבט בשמחה און איז אייביג געווען פארנומען צו דאנקען הקב"ה אויף אלע חסדים וואס ער טוט מיט אים.

אין דעם טאג י' אדר א' תשנ"ב איז ער נפטר געווארן אין די ""שערי צדק" שפיטאל אין ירושלים עיה"ק זייענדיג ארומגענומען מיט זיינע תלמידים. מען אים געלייגט אין הר הזיתים. נאך די פטירה, האבן זיינע תלמידים ארויסגעגעבן אויף אים א ספר מיט'ן נאמען 'איש צדיק היה' וועלכע שילדערט זיין פערזענליכע לעבנסביגראפיע.

## 'אמן פארטרייבט מחלות'

דער משפיע רבי אליהו ראטה זצ"ל פלעגט אייביג זאגן פאר זיינע תלמידים די פאלגענדע:

"א איד דארף צו וויסן אז דורכ'ן ענטפערן אמן ווי אזוי עס דארף צו זיין, איז מען משפיע אויף זיך אליין אלע מיני גוטע השפעות ברוחניות ובגשמיות און מען פארטרייבט מחלות פון שטוב. יעדער איד זאל זיך אליין מאכן דעם חשבון וואס איז אים בעסער - צי גיין צום דאקטאר אדער צו ענטפערן אמן בקול"('איש חסיד היה' עמ' רלא).

עס האט זיך אמאל געמאכט אז מען איז געקומען צו אים און מען האט אים דערציילט אז איינער פון זיינע תלמידים איז זייער קראנק. ווי נאר ער האט עס געהערט האט ער געהייסן אז מען זאל ארויפשטעלן אויפ'ן טיש אלע ערליי עסנווארג, אויף וועלכע מען מאכט אויף יעדער איינער פון זיי א צווייטע סארט ברכה און געבעטן פון יעדן איינעם, אז ער זאל מאכן א ברכה אויף די עסנווארג בקול און מיט כוונה און אלע זאלן ענטפערן אמן לזכותו פון דעם בחור, ווען דערביי זאגט ער אן פאר די תלמידים אז אזא התנהגות איז א גרויסער תיקון און א געוואלדיגע המתקת הדינים פאר די חולה. (שם עמ' רסח).

## ברכות בקול ובכוונה

מען דערציילט אז ביי די חמשה עשר בשבט טיש פון דער זוועהילער רבי זצ"ל פלעגט ער זיך איינבעטן ביי די משתתפים אז זיי זאלן אים מזכה זיין מיט אן אמן. ער פלעגט נאכזאגן די ווערטער פון דעם הייליגן אריה"ק ('שער רוח הקודש' דף ט, הובאו דבריו ב'כף החיים' קנח עו) אז מיט'ן זאגן די ברכות הנהנין מיט כוונה קען מען זוכה זיין צו רוח הקודש (שם עמ' שמז).

## זיין לעבנס מיסיע

די נושא פון מאכן ברכות במתינות און מיט כוונה איז געווען ווי זיין לעבנס מיסיע. ווען ער האט נאר געקענט האט ער מעורר געווען אויף דעם. מיט א קול מלא בתחנונים פלעגט ער זיך איינבעטן ביי אידן אז זיי זאלן די ברכות בקול. ווען ער האט מצליח געווען און א איד האט געמאכט א ברכה מיט כוונה און דער אמן האט אפגעהילכעט פון איין עק צו די צווייטע, האט זיין פנים געשיינט פאר שמחה. (שם עמ' שמח).

## די 'מאה ברכות'

באזונדער פלעגט ער זיך איינבעטן ביי די נאנטע אז מען זאל מקפיד זיין צו זאגן 'מאה ברכות' יעדן טאג בכוונה. ער האט געגעבן צו פארשטיין אז מיט'ן זאגן ערליך די מאה ברכות איז מען זוכה אז מען געדענקט זיך צו פירן ווי א איד.

ביי איינער פון די יארצייטן פון זיין מורו ורבו הרה"ק רבי שלומ'קע זוועהילער זצ"ל האט ער ארומגערעדט וועגן די נושא פון מאה ברכות. דערביי האט ער נאכגעזאגט אז ווען א נשמה דארף אראפקומען אויף די וועלט וויל זי נישט אראפקומען, זי וויל נישט איבערלאזן אזא הייליגער ארט, אונטער די כסא הכבוד, אבער ווען מען זאגט איר אז אויף די וועלט וועט זי זוכה זיין צו מאכן מאה ברכות און הונדערט מאל ממליך זיין הקב"ה איז זי מסכים אראפצוקומען. (ראה זוה"ק לך לך עז א).

נאך האט ער געזאגט אז חז"ל געבן אונז א רמז צו די מאה ברכות פון דער פסוק (דברים י יב): "ועתה ישראל מה ה' אלקיך שאל מעמך כי אם ליראה" און ווי רש"י געט צו פארשטיין אויפ'ן ארן דער מאמר חז"ל (שם ד"ה מה): "אל תקרי מה אלא מאה" - אז הונדערט ברכות בעט הקב"ה פון דיר.

ווען מען איז מדייק אין דער פסוק זעט מען אז עס איז דא א משמעות אין דער פסוק ווי הקב"ה בעט זיך ביי יעדן איד באזונדער אז ער זאל מאכן הונדערט ברכות, דאס ווייזט אונז די גרויסקייט פון דעם, ווי שטארק עס איז חשוב ביי אים, ווייל יעדער ברכה און ברכה האט אין זיך א דערמאנונג אז עס איז דא א מנהיג לבירה, אז ער האט אלעס געמאכט און באשאפן. (שם עמ' רל).

## די השפעה וואס די ברכה איז ממשיך

די תלמידים פון ר' אליהו האבן דערציילט אז אין די שכינות פון ר' אליהו זצ"ל האבן געוואוינט צוויי אידן וואס זענען געווארן זייער שטארק איבערגענומען פון זיין עבודת הק' פאר די אמנ'ס און האבן אנגעהויבן מאכן ברכות בכוונה און מיט א קול, אבער עס איז געווען א חילוק צווישן זיי. אינדערצייט וואס איינער פון זיי האט געמאכט ברכות שטיל, פאר זיך, האט דער צווייטער געמאכט ברכות מיט א הויכער קול, אז אין די גאנצע ארומיגע געגענט האט מען געהערט דעם אמן.

די צוויי האבן זוכה געווען דורכדעם צו א שטארקע שפע, אבער אויך דא האט מען געזען די מידה כנגד מידה. אינדערצייט וואס דער איד וואס האט געמאכט אזוי הויך ברכות, אז יעדער איד האט געהערט, האט זוכה געווען צו א שפע רב, אז ער האט געהאט אזויפיל אז ער האט געקענט געבן אנדערע, האט דער ערשטער געהאט א שפע, אבער די שפע איז נאר געווען פאר אים, אז ער זאל קענען לעבן ברחבות. (שם עמ' תי).